בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת ויגש




## וואס פאדערט פון אונז דער "אני יוסף"

### א פאלק אן א 'מלך בשר ודם'

**ווער** ס'קען אביסל די אידישע היסטאריע וועט וויסן צו זאגן אז ביז די צייטן פון שאול המלך איז נישט געווען קיין קעניג איבער די אידן. די תורה אין פרשת (דברים יז. יד) האט דער אייבערשטער דאס ערשטע מאל געגעבן אן ערלויבעניש צו אויפנעמען א קעניג. אין די ערשטע פיר הונדערט יאר אין ארץ ישראל האבן אידן נישט געקלערט איבער אזא געדאנק.

די אפיקורסים וואס זוכן צו פארדרייען דעם קאפ, האבן פרובירט צו מסביר זיין אז די סיבה פארוואס דאס אידישער פאלק האט קיינמאל פריער נישט געהאט קיין קעניג איז דערפאר וואס זיי זענען א צוריקגעשטאנענעם און פרימיטיוו'ן פאלק. דאס איז א שקר וכזב. מיר האבן נישט אויפגענומען א קעניג נאר דערפאר ווייל מיר זענען פון די שענסטע און בעסטע, א פאלק וואס האט אנערקענט אז דער איינציגסטער קעניג אויף דער וועלט איז דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. און נאר ער וועט קעניגן. דאס פאלק האט זיך געפירט אן קיין קעניג פון בלוט און פלייש וואס זיצט אקטיוו אויפ'ן טראן.

דערפאר האט שמואל הנביא שטארק פארדאמט די מענטשן וואס האבן פארלאנגט א קעניג. "אבער גאט איז אייער קעניג," האט שמואל געמוסר'ט די אידן (שמואל יב. יב). אזוי אויך איז דער אויבערשטער געווארן אין צארן. השי"ת האט דאס פארעכנט אלס א מרידה קעגן אים.

דער פאקט איז אז כלל ישראל וואלט גרינגערהייט געקענט אויפנעמען א קעניג ווי נאר זיי האבן באטראטן דאס לאנד. דער פראבלעם איז נאר געווען אז קיינער איז נישט געווען אינטערעסירט אנצונעמען דעם פאסטן; קיינער האט נישט געוואלט אנטון דעם קרוין. פאר ווען מען האט אנגעטראגן דעם פאסטן האט דאס אפגעזאגט. ס'איז געווען א פרינציפ, קיינער לויפט נישט פאר 'פרעזידענט'. "איך זאלט נישט זיין א מענטש וואס זוכט גרויסקייט, צו געוועלטיגן איבער מיינע אידן אלס א פירער." ס'איז געווען אן אומדערהערטע זאך אז איינער זאל וועלן זיין א הערשער. מען האט שטארק אראפגעקוקט א מענטש וואס האט ארויסגעוויזן דאס מינדעסטע דורשט פאר געוועלטיגונג.

ווען גדעון האט געוואונען די מלחמה און מיט העלדישקייט בייגעקומען די שונאים, זענען די אידן געקומען צו גדעון אז ער זאל ווערן זייער קעניג אבער גדעון האט זיך בכלל נישט צוגעכאפט צום געלעגנהייט. ער האט זיי אפגעזאגט מיט'ן טענה: "ווי אזוי קען איך זיין אייער קעניג? דער אויבערשטער איז דער קעניג. פארוואס זאל איך זיך גרויסן איבער ענק?" (שופטים א. כג) און ער האט עס ערנסט געמיינט, נישט סתם גערעדט. אזוי איז געווען אין יענע צייטן, עס ישראל האט קלאר געוויסט ווער ס'איז דער קעניג, מ'האט דאס נישט נאר געזאגט מיט ווערטער נאר געשפירט אין די גאנצע וועזן.

## דער שורש פון כלל ישראל איז עניוות

**ווען** עס ישראל אין א מינוט פון שוואכקייט און שרעק פון די ארומיגע פעלקער האט פארלאנגט א קעניג איז נישט געווען קיין קאנדידאטן וואס זאלן וועלן אננעמען דעם פאסטן. ס'איז נישט געווען ווי היינט וואו די קאנדידאטן קריגן זיך ווער ס'זאל געווינען. און ווען שאול המלך איז ענדליך אויסגעקליבן געווארן צו ווערן קעניג איז ער אין ערגעץ נישט געווען צו געפונען, "**הנה הוא נחבא אל הכלים**", ער האט זיך באהאלטן צווישן די פעסער. מען איז אים איבעראל געגאנגען זוכן ביז מען האט אים געטראפן פארשטעקט צווישן די פעסער ווען זיינע פוס שטעקן זיך ארויס ביי דער זייט. מען האט אים ארויסגעצויגן ביי די פוס און אזוי האט מען אים געשלעפט צו ווערן קעניג! דאס איז געווען דער ערשטער קעניג ביי כלל ישראל.

אונזערע אבות הקדושים זענען גארנישט געווען אנדערש. אברהם אבינו האט געזאגט: **ואנכי עפר ואפר**," (בראשית י"ח כ"ז) איך בין שטויב און אש. "איך בין גארנישט", האט אברהם אבינו געזאגט און ער האט עס געמיינט ערנסט. נישט ווי איינער זאגט: "אני הקטן בעניות דעתי", אבער אין אמת'ן מיינט ער צו זאגן: "אני הגדול בעשירות דעתי". אברהם האט געשפירט די ווערטער אין זיין וועזן.

יצחק אבינו איז גארנישט געווען אנדערש. פונקט ווי אברהם אבינו איז ער געווען פול מיט הכנעה און עניוות. מיר לערנען דאס ארויס פון די היסטאריע פון אונזערע אבות און די קינדער פון יעקב אבינו. די צוועלף שבטים זענען ערצויגן געווארן מיט דעם חינוך פון עניוות. ס'איז זיי געפיטערט געווארן פון קינדוווייז אן און ס'איז זיי אריין אין זייער בלוט. דאס איז געווען די פרינציפ פון דעם הויכגעשעצטע משפחה. זיי האבן שטארק אראפגעקוקט און פארדאמט סיי ווער ס'האט ארויסגעוויזן אמביציע צו הערשן איבער אנדערע.

## דער חלום פונעם קליינער יוסף'ל

**מיטאמאל** האבן די ברודערס דערשמעקט אז עפעס איז נישט גלאטיג דא מיט דער קליינער יוסף. די הייליגע שבטים וועלכע זענען אויפגעוואקסן אין אן אטמעספער פון עניוות האבן פלוצלינג באמערקט אז זאכן זענען נישט בסדר. דער קליינער יוסף, די קלענסטער פון אלע, חלומ'ט זיך גרויסארטיגע חלומות פון איבערנעמען קאנטראל פון די משפחה. דער קליינער ברודער האט אן פאנטאזיע פון געוועלטיגן.

עס איז באוואוסט אז געוועגטליך חלומ׳ט זיך א מענטש בייגאכט דאס וואס ער טראכט בייטאג, ״**אמר רבי יונתן אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו** (ברכות נ״ה ב׳) אין א מענטשנ׳ס חלום ווערט ער געוויזן נאר דאס וואס זיין הארץ טראכט״. אויב מען טראכט עפעס צופיל בייטאג וועט דאס זיין דער חלום פון די נאכט.

דערפאר האבן די ברודערס פארשטאנען אז אויב דאס איז וואס יוסף חלומ׳ט זיך, מיינט עס אז דאס זענען זיינע געדאנקען בייטאג. ״וואס חלומ׳ט ער זיך? אז מיר זאלן זיך אלע ביקן צו אים? דאס מיינט אז ער גייט ארום א גאנצן טאג טראכט׳נדיג אז מיר זאלן זיך ביקן צו אים, ער האט רעיונות פון גרויסקייט.״

פאר די געהויבענע שבטים איז יוסף׳ס טרוים געווען א שטארקע פגם. יוסף גייט אראפ פונעם דרך הישר וואס זיי זענען מחונך געווארן, צו האבן הכנעה און עניוות, דעם פאנדעמענט וואס די אבות הקדושים האבן אוועקגעשטעלט. אונטער זייער ריקן אנטוויקלט זיך א סכנה פאר די עתיד פון כלל ישראל. זיי האבן מורא געהאט אז א סם אנטוויקלט זיך צווישן זיי.

## די סיבה פאר די ברודער׳ס פיינטשאפט

**ויוסיפו עוד שנא אותו על חלומותיו ועל דבריו״**, און די פיינטשאפט צו אים איז געווען נאך מער צוליב זיינע חלומות און צוליב זיינע ווערטער. ׳אויך צוליב זיינע ווערטער׳, ס׳איז נישט נאר געווען חלומות, נאר אויך רעדן. יוסף האט נישט נאר געחלומ׳ט נאר ער איז געווען מיט דעם. ער האט צוזאם גענומען די גאנצע משפחה פאר אן אסיפה און זיי דערציילט זיינע חלומות. ער האט דאס נישט געזאגט צו טרייבן צייט, נאר ער האט געמיינט ערנסטע ביזנעס. ער האט געלאזט וויסן פאר די גאנצע משפחה: ״אזוי וועט עס זיין, צו ענק זענען מסכים אדער נישט...״

״**וישנאו אותו״**, זיי האבן אים פיינט געהאט. ׳פארוואס האט יוסף געעפנט זיין מויל? ווייל ער גלייבט אין זיינע חלומות, ווען נישט וואלט ער עס נישט איינגעמאלדן פאר אונז, קומט אויס אז ער האלט אז ער איז א נביא און זיינע חלומות וועלן מקוים ווערן.׳

דאס אלעס איז נאכנישט גענוג געווען. יוסף האט זיך אנגעהויבן אריינצומישן אין די פריוואטע ביזנעס פון די ברודערס. ער האט זיי נאכגעקוקט און אינפארמירט דעם טאטען זייערע אלע אקטיוויטעטן. יוסף פלעגט קומען צו יעקב און איבערגעבן א רעפארט פון די ברודערס שוואכקייטן און יעקב פלעגט דאן אויסמוסר׳ן די שבטים. די ברודערס האבן אנגעהויבן צו פארדעכטיגן אז יוסף בויעט זיך אויף אן אימפעריע פאר זיך צו קענען איבערנעמען די פירערשאפט פון די משפחה.

## אזוי ווי די רוימישע הערשאפט

**ווי** אזוי קען א יונגערע ברודער אפילו נאר טרוימען צו איבערנעמען די הערשאפט פון זיינע עלטערע ברודער? אמאליגע צייטן ווען אן יונגערע ברודער האט געוואלט איבערנעמען קאנטראל איז עס נישט געווען אזוי גרינג. ס׳איז נאר געווען איין וועג, און דאס איז געווען די וועג ווי אזוי די רוימער האבן אויפגענומען א נייער פירער, מען האט פשוט געדארפט הינריכטן דעם

עלטערן ברודער און אזוי איבערגעבן דעם קעניגרייך פאר'ן יונגערן. אזוי האט מען געטון אמאליגע צייטן צווישן די פעלקער, ווען אימער א יונגערע ברודער האט באקומען דער מאכט, די ערשטע ביזנעס וואס ער האט געטון איז געווען צו משלח זיין די עלטערע ברודערס. היינטיגע צייטן קען מען נאך טרעפן לענדער וואס האבן נאך דעם מנהג.

די ברודערס האבן אנגעהויבן צו באקומען פחדים ווען זיי האבן געזען סימנים פון הערשאפט ביי יוסף. זיי האבן מורא געהאט אז צום סוף וועט ער זיי אלע מעביר זיין. און אלעס איז נאך מלובש מיט צדקות: "ער מיינט אז ער איז אונזער משגיח, און ער האלט אז ער איז א נביא אויך. א נביא שקר איז ער, ער פארברענגט זיינע טעג איבערצוגעבן דעם טאטע'ן שלעכטע גריסן איבער אונז נאר צו געווינען צוטרוי אין די אויגן פון טאטע'ן. דאס קינד איז א סכנה!" האבן די ברודערס באהויפטעד.

"וואס גייט געשען צו אונז דא?" האבן זיי זיך געפרעגט איינער דעם צווייטן. "באפאר ער לייגט אונז אוועק דארפן מיר אים מסדר זיין. "**הבא להרגך השכם להרגו**" (סנהדרין ע"ב א). אויב איינער קומט אייך הרגענען ווארט נישט ביז יענער שטייט שוין איבער אייך ביים האלז נאר איר דארפט אנשטעלן דעם וועקער זייגער פארטאגס אז איר זאלט זיין גרייט נאך פאר אים... די ברודער האבן נישט געוואלט ווארטן ביז יוסף וועט זיי אנפאלן נאר זיי האבן אים געוואלט כאפן באצייטנס. אזוי ארום זענען זיי געקומען צו די החלטה אז ס'איז א מצוה צו הרג'נען יוסף'ן.

## געטוישט דעם פלאן

**ס'איז** נישט גרינג צו הרגענען דעם אייגענעם בלוט און פלייש, אפילו ס'קומט זיך אים. דערפאר האבן די ברודער באשלאסן צו טוישן די פסק און אים פארקויפן פאר א קנעכט. אמאליגע צייטן איז א קנעכט געווען אונטערדריקט אונטער זיין בעל הבית. ער האט נישט געקענט הייבן זיין קאפ און אוודאי נישט חלומ'ן צו ווערן א הערשער. אזוי ארום וועט מען פארמיידן די סכנה וואס הערשט איבער זיי.

מען דארף פארשטיין דא אז די ברודער האבן נישט געהאט די מינדעסטע חרטה געפילן פון זייער שריט. זיי זענען געווען זיכער אז זיי האבן געהאנדלט ריכטיג. אין אמת'ן וואלטן זיי אים געדארפט הרגענען אבער זיי האבן אויפגעטוישט זיין גורל פאר קנעכטשאפט.

## צוריק צו די פרשה

**די** סדרה נעמט אונז צוויי און צוואנציג יאר נאכ'ן פארקויפן יוסף'ן. די ברודער'ס שטייען אנטקעגן דער משנה למלך פון מצרים און איינער נאכ'ן אנדער'ן בוקן זיך מיט הכנה. זיי שטייען מיט יראת הכבוד קעגן דעם הארטן מאן וואס איז באאויפטראגט אויף די ווייץ פון מצרים. ער האט זיי געסטראשעט און ארויסגעגעבן כל מיני פארלאנגען ווען זיי ציטערן ווי א בלעטל.

מיטאמאל עפענט ער זיין מויל: "**אני יוסף**! די באמבע איז געפאלן. דאס איז זייער קליינער ברודער יוסעלע וואס זיצט דא אויפ'ן טראן און זיי האבן זיך נארוואס געביקט צו אים צוויי מאל. די חלומות זענען ווירקליך מקוים געווארן. דער אמת האט זיי געקלאפט אין פנים. יוסף איז א נביא, אויסגעוועלט געווארן פון באשעפער אליין. יארן צוריק האבן זיי

געלאכט פון אים זאגנ'דיג: "זאלן מיר קומען זיך בוקן צו דיר?!" זיי האבן אים דערנידערט אבער יעצט האבן זיי זיך איבערצייגט אז ס'איז אלעס מקוים געווארן.

## די טעות האט זיי געקלאפט אין פנים

**אין** יענע מינוט ווען די ברודערס האבן געהערט די ווערטער: "אני יוסף" פון דעם מאן וועלכער איז געזעצן אויף זיין שטול, זענען זיי געבליבן געלעמט אויף זייער ארט. "**ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו**", די ברודערס האבן אים נישט געקענט ענטפערן. זיי זענען געשטאנען פארגאפט אין זיין אנוועזנהייט. די ברידער זענען געווען דערשראקן פאר זייער לעבן וואס איז יעצט אין די הענט פון זייער קליינער ברודער וועמען זיי האבן פארקויפט פאר א קנעכט. אבער נאכמער פון דעם זענען זיי געווען אין שאק אז זיי האבן געלעבט אין א טעות די אלע יארן.

ווען די ברודערס האבן פארקויפט יוסף האבן זיי נישט געהאט די מינדעסטע פאדעם פון ספיקות איבער זייער באשלוס. זיי האבן געוואוסט אז זיי זענען הונדערט פראצענט בארעכטיגט צו פארשיקן יוסף וואס גרייט אן אקציע קעגן זיי. די סברה האבן זיי געבויט נישט איין טאג נאר יאר איין יאר אויס. אין משך פון צוויי און צוואנציג יאר האבן זיי צוזאם געקומען א מעשה נאך א מעשה וואס האט פארשטארקט זייערע סברות אויפבויענ'דיג א גאנצע בנין פון גערעכטיקייט.

ווען א מענטש טוט אן עולה קעגן איינעם, פאלט אריין א קליינע ביסל חרטה וואס ער בארעכטיגט מיט א תירוץ. א שעה שפעטער ווייסט ער שוין פאר זיכער אז ער איז גערעכט, און ווי מער צייט עס גייט פארביי אלץ מער זיכער איז ער אז ער איז הונדערט פראצענט גערעכט... ווייל אזוי איז דער נאטור פון מענטש, שטענדיג זיך צו בארעכטיגן.

## די וואלקן קראצער'ס פאלן איין

**יוסף'ס** ברודער זענען אויך געווען געמאכט פון פלייש און בלוט. זיי האבן זיך אויפגעבויעט און באפעסטיגט זייער סברות זייט זיי האבן דאס לעצטע מאל געזען יוסף אין גרוב. יעצט האבן זיי שוין געהאט א גרויסן בנין אויפגעשטעלט. ס'איז געווען א וואלקן-קראצער פון גערעכטיגקייט. און יעצט פלוצלינג איז דער גאנצער בנין אראפגעקראכט ביז צו דער ערד! די ברודערס זענען געווארן באוואוסטזיניג אז זיי האבן זיך אליינס גענארט. זיי זענען יעצט געקומען צו די מסקנא אז די אמת'ע סיבה פון די גאנצע סקאנדאל איז געווען איין גרויסע אומרעכט וואס זיי האבן אויפגעבויעט. זיי האבן גארנישט געהאט מער ווי קנאה, "**ויקנאו בו אחיו**". אפגעזען פון די גאנצע לומדות און גערעכטיגקייט און קלוגשאפט פון די צדיקים איז די אמתע סיבה געווען ויקנאו בו אחיו!

אויב איינער וואלט זיי דעמאלט געזאגט: "איר זענט פשוט מקנא אייער ברודער, וועגן דעם זענט איר קעגן אים." וואלט זיי עס געלייקנט. "וועגן מיר זענען מקנא וועלן מיר שעדיגן א ברודער פון בלוט און פלייש, ח"ו?" אזא געדאנק וואלט נישט אריינגעקראכן אין זייער קאפ. דער אויבערשטער וואס איז א בוחן לבות זאגט: "ויקנאו בו אחיו," איך ווייס פונקטליך אייערע כוונות. נאר ווייל ענק נעמען נישט די מי אריינצוקריכן טיף אין אייער

באוואוסטזיין מיינט נישט אז איך וועל אויך נישט.״ דער אויבערשטער האט געקוקט טיף און געזען אז ס׳איז ריינע קנאה.

אין די בליציגע מאמענט פון קלארקייט האט זיך אנטפלעקט פאר זיי אז דער קליינע ברודער וואס האט זיך ארומגעשלעפט אונטער זייערע פוס טראגנ׳דיג די שיינע אנצוג וואס דער טאטע האט אים געגעבן שטעכט זיי אויס די אויגן. זייער בארעכטיגונג איבער זייער מעשים איז צופאלן צו א הויפן שטויב. די ברודער זענען געשטאנען איבערגענומען מיט שאק און טערור.

## די אויפטרייסענדע לעקציע פון די פרשה

**די** ווערטער ׳אני יוסף׳, זענען פחד׳יגע ווערטער, עס מאנט און שרייט צו אונז. חז״ל זאגן אויף דעם פסוק: ״**אמר אבא כהן ברדלא: אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה**״, אבא כהן ברדלא האט געזאגט: ווי איז צו אונז ביים גרויסן טאג פון משפט אויף יענע וועלט.״ (בראשית רבא צ״ג י׳). אבא כהן ברדלא האט געטראכט פון די געשעעניש אין פאלאץ פון פרעה און עס האט אים באפאלן א גרויסע פחד פאר׳ן יום הדין נאכ׳ן הונדערט און צוואנציג. פון די צוויי ווערטער: ״אני יוסף איז אבא ברדלא געווארן א נייער מענטש.

די מדרש גייט ווייטער: ״**ומה יוסף הצדיק שהיה בשר ודם שהוכיח את אחיו לא יכלו לעמוד בתוכחתו, הקדוש ברוך הוא שהוא דיין ובעל דין ויושב על כסא דין, ודן כל אחד ואחד, על אחת כמה וכמה שאין כל בשר ודם יכולים לעמוד לפניו**״. ווען יוסף, וואס איז נאר געמאכט פון בלוט און פלייש האט געמוסר׳ט זיינע ברודער האבן זיי נישט געקענט שטיין קעגן זיינע ווערטער. זיי זענען געשטאנען דארט דערשראקן צום טויט ווען זייער בנין איז צופאלן פאר זייער אויגן.

## א מענטש איז בלינד צו זיינע אייגענע מעשים

**מען** דארף פארשטיין אז די שבטים זענען געווען גרויסע לייט, בני יעקב בחיריו. די זון פון יעקב זענען דעם אויבערשטנ׳ס אויסדערוועלטע (תהילים ק״ה ו). אפילו אזעלכע גרויסע לייט קענען מאכן טעותים פון זייער לעבן. ווייל נישט קיין חילוק ווי גרויס א מענטש איז, וועט ער זיין בלינד צו זיינע אייגענע פעלערן.

די געדאנק אז אפילו צדיקים דארפן חושד זיין אז אפשר זענען זיינע מעשים און מאטיוון נישט אויסגעהאלטן איז א לעקציע וואס אונזער הייליגע תורה לערנט אונז. נאר פאר דעם לעקציע אליין וואלט שוין ווערד געווען אז די גאנצע עפיזאד פון יוסף זאל פארקומען. אויב די בני בחיריו, די אויסדערוועלטע לייט האבן געקענט מאכן אזא טעות מיט זיך אליין און דערנאך זיך טרעפן שטיין געפלעפט קעגן דעם משנה למלך, וואס זאלן מיר שוין זאגן? מיר קענען זיך זיכער פארכטן וואס ס׳ווארט אונז אפ.

## דער גרויסער טאג וועט אנקומען

**איר** קענט זיך שוין פארשטעלן די פארכט וואס וועט אייך באפאלן דעם טאג וואס איר וועט דארפן שטיין פאר׳ן גרויסן קעניג. דאס איז וואס דער מדרש זאגט: ״לכשיבוא הקדוש ברוך הוא ויוכיח כל אחד ואחד על אחת כמה וכמה״, און אויף דעם טאג וועט הקדוש ברוך הוא

קומען אייך מוסר זאגן פאר אייער לעבן פון דורכפעלער און איר וועט שטיין קעגן אים מיט פחד און מורא.

מען דארף אויפגעציטערט ווערן ווען מ׳הערט אזעלכע ווערטער. א גאנץ לעבן האט מען געטראכט אז מ׳איז גערעכט, און יעצט קומט דער מדרש אונז איינמעלדן אז מ׳איז אומגערעכט. דאס איז וואס אבא כהן קומט אונז דא זאגן אז איין טאג, נישט קיין חילוק וויפיל מען וויל זיך פארהוילן פון דעם טאג, וועט עס ווירקליך געשען, מען וועט שטיין פאר׳ן בית דין של מעלה. ס׳פאראן מענטשן וואס מיינען אז זיי וועלן אייביג לעבן, אוודאי ווייסן זיי אז ס׳קומט א טאג וואס מען וועט שטארבן אבער זיי האפן אז ס׳וועט זיין אין פינף טויזענט יאר ארום. זיי זאלן וויסן אז פריער אדער שפעטער וועט דער טאג אנקומען און אין דעם טאג וועט מען געוואר ווערן אז מיר האבן זיך גענארט אלע אונזערע לעבנ׳ס טעג.

איך רעדט נישט פון קליינע טעותים וואס מען האט פארזען אדער פארגעסן דערפון, איך רעדט פון זאגן אסאך מער ערנסט. איך מיין צו אנדייטן אויף אייער גאנצע דרך החיים, אייער גאנצע וועג פון לעבן. אייער באנעמונג, אייער וועג פון טראכטן, אייער בין אדם לחבירו און מער פון אלעם אייער קשר מיט׳ן רבוש״ע.

## אפילו דער עקספערט נארט זיך

**אין** משלי ווערט געברענגט אז יעדע מענטש איז רעכטפארכטיג אין זיינע אייגענע אויגן. אבער אין אמת׳ן איז יעדע מענטש פול מיט חסרונות, יעדער וואקלט זיך און מאכט טעותים, אפילו גרויסע עבירות און דאך איז מען פארזיכערט אז מ׳איז גערעכט. **״כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו**״, (נגעים ב׳ משנה ה׳) א מענטש קען זען אלע עוולות פון זיינע ארומיגע חוץ זיינע אייגענע. מ׳רעדט פון א מענטש וואס איז אן עקספערט אין נאכקוקן אין כאפן מענטשן ביי עבירות. ער קען זאגן פאר מענטשן וואס איז שלעכט מיט אים אבער ווען ס׳קומט צו זיין אייגענע לעבן איז ער ווי בלינד. ער זעט בכלל נישט די שלעכטס וואס ער האט. ווייל דאס איז דער נאטור פון מענטשן.

אזוי ווי איך, איך לערן ענק מוסר אבער וואס איז מיט מיר? וואו האלט איך אויף דער וועלט? קאנצענטריר איך מיך אויף מיינע אייגענע עוולות? א מענטש קען זען א קליינע עוולה, ער מיינט אז ס׳איז גארנישט אבער ווען ס׳וועט קומען דער גרויסער טאג ווען ער וועט דארפ׳ן אפגעבן דין וחשבון וועט ער געוואר ווערן אז ער האט געגרייזט און דעמאלטס וועט שוין זיין צו שפעט.

לאמיר יעצט, ווילאנג מ׳איז נאך דא אויף דער וועלט, זיך מתבונן זיין וואו מען האלט. לאמיר פארעכטן אלע אונזערע טעותים אז מיר זאלן נישט האבן קיין שאק ווען מיר וועלן הערן די ווערטער: ״אני השם״ ביים בית דין של מעלה אינעם גרויסן טאג.

די קונטרס ווערט צושפרייט אין וויליאמסבורג כעת אין
עטליכע גרעסערע שוהל'ן, אויב איר ווילט מזכה זיין נאך
אידן רופט: 845-213-7571

בעזהשי"ת

צו באשטעלן ביי אונז קונטרסים גליונות פאר: שבת באווארפן, שבת שבע ברכות, שבת התוועדות, אא"וו. מיט די תפילות, קריאת התורה, זמירות און ברהמ"ז - לויט אייער פארלאנג,
פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך
רופט: 615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com

ליינט די גליון יעדע
וואך אין די קונטרס
"גליונות לשב"ק",



# איר ווילט אוודאי אריינגיסן חיות אין הינדערטער מענטשען

פאר גאנץ ביליג

רופט אריין צו אויסקלויבן, אייער וואך

845-213-7571


## נדבת השבוע

פ' ויגש נתנדב ע"י
הרה"ח מוה"ר ר' חיים יקותיאל כ"ץ הי"ו

לע"נ הגה"ק רבי חיים ב"ר ארי' לייבוש זי"ע
ולע"נ הגה"ק רבי יואל ב"ר חנני' יו"ט זי"ע
ולע"נ הגה"צ רבינו אביגדור ב"ר ישראל זי"ע

לע"נ חיים אברהם יצחק ב"ר יחיאל ע"ה
פיגא נעכא ב"ר ישראל
ולרפואת יוסף דוב בער בת פיגא נעכא

# אני מאמין באמונה שלמה

## שאלה:

### וואס איז דער תכלית פון זאגן דעם אני מאמין יעדן איינציגן טאג אויב איך גלייב שוין, פארוואס דארף איך עס כסדר איבערחזר'ן?

## תשובה:

**דאס** זאגן די אני מאמין יעדן טאג מאכט א געוואלדיגע חילוק אינעם מענטשנ'ס לעבן. ביי געוויסע מענטשן איז זייער אמונה ווי לייכטע פארב, און ווען מ'געט א קליינע קראץ קומט עס אראפ. וואויל איז פאר דעם מענטש וואס זיין אמונה איז אביסל דיקער פון דעם. אזא אמונה קומט נישט צופוס, מ'דארף א גאנצע לעבן ארבעטן אויף דעם און וואקסן אין דעם. נישט דערפאר חזר'ט מען די אני מאמין ווייל עס איז דא א חסרון פון אמונה, ס'איז נישט נאר די עצם גלייבן אויף וואס מען דארף ארבעטן, נאר ס'איז די דעת השם צו וואס א מענטש דארף צוקומען. א גאנצע לעבן דארף א מענטש ווערן מער און מער באהאווענט אין דעת השם. ווען משה רבינו האט געבעטן דעם אויבערשטן "**הראנו נא את כבודך**", ווייז מיר דיין כבוד, איז עס געווען צוליב א חסרון אין אמונה? ח"ו, נאר משה רבינו האט געוואלט ווערן נענטער צום רבוש"ע.

**דערפאר** זאגן מיר אני מאמין יעדן טאג אז אויב מען זאגט עס ווי עס דארף צו זיין מאכן מיר עס מער און מער קלאר. אויב מען זאגט עס איבער טויזענט מאל מאכט עס א טיפע רושם אפילו מען האט שוין געגלייבט דאס ערשטע מאל. ווען מיר לייענען קריאת שמע יעדן טאג באזונדער די זעלבע תפילות ווערט עס מער און מער איינגעקריצט אין אונזער מח. דערפאר איז וויכטיג איבערצוזאגן דעם אמת איבער און איבער. אנשטאטס צו זאגן נייע זאכן ניצט אייער צייט איינצוקריצן דעם אמת אויף אייער נשמה. ווען איר חזר'ט איבער א זאך ווערט עס א חלק פון אייער וועזן.

**דער** חובת הלבבות ברענגט: "**המחשבה נמשכת אחר הדיבור**" אייער מח גייט נאך אייערע ווערטער. שמע ישראל השם אלוקינו השם אחד, איר דארפט וויסן וואס איר זאגט! "השם", ער איז "הוי" ער איז דער איינציגסטער וואס עקזיסטירט און ער איז דער וואס מאכט אז די וועלט זאל עקזיסטירן. ער איז "מהוה את הבריאה". "אלוקינו", אונזער באשעפער, ער האט אונז אויסגעוועלט אז מיר זאלן זיין זיינע עבדים און מיר מוזן אוועקגעבן אונזער לעבן פאר אים "ואהבת את ה' אלוקיך" מען דארף ליב האבן דעם באשעפער.

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**יעדעס** מאל וואס איר חזר'ט איבער די ווערטער ווערט איר מער און מער איבערצייגט אין די ווערטער. איר קויפט זיך איין א פארמעגן. איר זאלט נישט מיינען אז ס'איז א קלייניגקייט. יעדעס מאל וואס איר זאגט איבער די ווערטער מאכט איר זיך מער אן איש שלם - א פערפעקטע מענטש.



מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"